א ליכטיגן תמיד
אודיש
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום ב' פרשת פנחס תשפ"ב

# מען דארף טון וויפיל מען קען און דעמאלסט העלפט דער רבוש"ע מיט ניסים ונפלאות

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט, דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו 'עלה אל הר העברים הזה' ער זאל ארויפגיין אויפן בארג עברים, 'וראה את הארץ' און זע דעם לאנד, 'אשר נתתי לבני ישראל'. אין די אנדערע פסוק שטייט 'וראית אותה' און דו וועסט איר זען. שטעלט זיך דער אור החיים הק', וואס זענען די צוויי לשונות, און די ערשטע פסוק שטייט 'וראה', און די אנדערע פסוק שטייט 'וראית'?

אויף דעם ענטפערט דער אור החיים הקדוש א געוואלדיגע יסוד. כדי זוכה צו זיין צו זען ארץ ישראל, די גאנצע לאנד ארץ ישראל צו זען פון עבר הירדן, האט מען געדארפט האבן ניסים ונפלאות! האט אים דער הייליגער באשעפער געזאגט, אז דו וועסט טון מצידך אלעס וואס דו קענסט, דעמאלסט וועל איך דיר ווייזן.

דער הייליגער באשעפער איז דא דיר צו העלפן, דער הייליגער באשעפער איז גרייט צו טון פאר דיר מורא'דיגע זאכן, אבער עס דארף זיין א בחינה וואס דו טוסט מצידך, פון דיין זייט, אלעס, און דערנאך וועט דער הייליגער באשעפער צולייגן די איבריגע וואס א מענטש קען נישט צו טון.

דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו גיי ארויף אויפן בארג 'וראה', טו וואס דו קענסט צו זען. איי מען דארף צוקומען צו ניסים ונפלאות? זארג זיך נישט, 'וראית אותה', איך וועל דיר ווייזן נאכדעם, אבער פון דיין זייט דארפסטו טון א פעולה כדי זוכה צו זיין צו 'וראית', דו וועסט מאכן א 'וראה' און דערנאך וועסטו זוכה זיין צו א 'וראית'!

דער הייליגער באשעפער האט דא געשריבן א געוואלדיגע יסוד וואס מען דארף זיך אריינעמען. זייער אסאך מאל,

א מענטש שרייט 'עס גייט נישט!' עס איז אים שווער, עס איז נישט מעגליך!

די תשובה אויף דעם איז: עס איז טאקע שווער, עס איז טאקע נישט מעגליך - טו מצידך, וויפיל דו קענסט, און זאג 'רבוש"ע, איך טו וואס איך קען, איך טו וויפיל איך קען טון!' און דער הייליגער באשעפער העלפט דיר צו גיין ווייטער. דארט וועסטו טרעפן ניסים ונפלאות שלא בדרך הטבע.

אבער ווען א מענטש שטעלט זיך אפ און ער זאגט: איך קען נישט! און ער הייבט הענט, פעלט די כלי אז די ברכה זאל קענען אין דעם חל זיין.

## עס איז דא צוויי בחינות 'ביטול הדינים' און 'המתקת הדינים'

אין די וואכענדיגע סדרה שטייט: 'פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי' ער האט אוועקגענומען די צארן פונעם הייליגן באשעפער. שטייט אין ספר 'אמת ליעקב' אז עס איז דא אן ענין פון 'ביטל דינים' און אויך איז דא אן ענין פון 'המתקת הדינים'.

'ביטול הדינים' מיינט, אז ווען עס קומט אויף א איד ח"ו יסורים, און ער שרייט צום הייליגן באשעפער אז די יסורים טוען וויי, און דער הייליגער באשעפער וואס איז דער מקור הרחמים האט רחמנות, און ער נעמט אוועק פון אים די דינים און די יסורים. אבער דאס איז נאכנישט גענוג, ווייל עס קען אמאל צוריקקומען, וויבאלד די יסורים זענען נאך בעצם דא, נאר דער הייליגער באשעפער האט עס אוועקגענומען, עס איז נישט נמתק געווארן, עס איז נישט געווארן בטל בשורשם, אז די דינים זאלן ווערן רחמים.

'המתקת הדינים' מיינט, אז ווען עס קומט חלילה וחס יסורים אויף א מענטש, טראכט ער נישט פון די יסורים, ער טראכט נישט פון זיך. ער טראכט, וויאזוי קומען יסורים אויף א מענטש? יסורים קומען דאך פונעם הייליגן באשעפער! וואס וויל דער הייליגער באשעפער פון א מענטש וואס עס קומט אים יסורים? ער וויל אז דער איד זאל ווערן א קנאי, ער זאל זיך אננעמען פארן אייבערשטן, ער זאל תשובה טון אויף זיינע עבירות, ער זאל נענטער ווערן צום הייליגן באשעפער. דער הייליגער באשעפער וויל, אנשטאט טראכטן פון די מגושמ'דיגע אנכיות, זאל ער טראכטן פון די רוחניות'דיגע חלק. וואס קען איך מיך מאכן תיקונים, מיך נענטער צו ברענגען צום אויבערשטן? וואס קען איך מיך נאנט ברענגען צו טון פארן הייליגן באשעפער? דאס מאכט המתקת הדינים, עס ווערט נמתק, עס ווערט זיס, די דינים ווערן רחמים וחסדים. עס איז נישט דא וואס זאל צוריקקומען, ווייל די אלע דינים זענען געווארן רחמים וחסדים.

און מיט דעם טייטשט ער: 'פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל'. ווייסט וויאזוי? 'בקנאי את קנאתי בתוכם', פנחס האט זיך אנגענומען פאר די חלק הקדושה פון כלל ישראל, די חלק פון זיך נענטער ברענגען צום הייליגן באשעפער. עס איז געווען א מצב וואס איז געווען ח"ו א ריחוק פון קדושה, א דערווייטערונג פונעם הייליגן באשעפער, איז פנחס געקומען און ער האט ממתיק געווען די דינים, ער האט

עס אריינגעברענגט אין קנאת ה' צבאות, ער האט עס אריינגעברענגט אין קדושה.

זאגט ער ווייטער: 'לכן אמור' זאגט דער הייליגער באשעפער 'הנני נותן לו את בריתי שלום', דאס איז די רעכטער שלום. שלום מיינט שלימות.




## דורך זיך דערנענטערן צום באשעפער דורך די שוועריגקייטן מאכט מען המתקת הדינים

אזוי דארף יעדער איד צו וויסן. ווען חלילה וחס מען גייט אדורך שווערקייטן, מען מוטשעט זיך אין לעבן, עס איז דא יסורים, עס איז דא שוועריגקייטן, בין אדם למקום, בין אדם לחבירו, מיט זיך אליין. וואס וויל דער אויבערשטער? דער הייליגער באשעפער וויל, נישט נאר מבטל זיין די דינים, דער הייליגער באשעפער וויל אז די דינים זאלן נמתק ווערן. ווען א מענטש ווערט נתעורר, ער בעט זיך איבער מיט אידן, ער איז מוחל אידן, ער מאכט תיקונים אין זיין דאווענען, אין זיין לערנען. ער מאכט תיקונים אין זיינע מידות, ער מאכט תיקונים אין זיין בין אדם לחבירו, זיינע מחשבות טהורות וקדושות, ער לעבט זיך אריין אין א דערהויבנקייט צו ווערן נענטער צום אויבערשטן, ווערט די דינים זיס און לעכטיג.

## פון שמירת התורה דערלייגט מען נישט

האט פארציילט א איד א געוואלדיגע מעשה, וואס פון דעם זעט מען ממש די ענין פון המתקת הדינים, ווען מען טוט פארן הייליגן באשעפער.

די מעשה פארציילט א איד, וואס ער איז א בעל תשובה:

פאר ער איז געווארן א בעל תשובה האט ער געארבעט אין א געוויסע פאבריק, וואס דער בעל הבית איז געווען נעבעך נישט קיין ערליכער איד, נישט קיין שומר תורה ומצוות. די גאנצע חבורה איז געווען א חברה וואס זענען נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות רחמנא ליצלן.

איין טאג האט מען איינגעמאלדן דארט אין געשעפט, אז א קאמפעני, האט געמאכט א גרויסן ארדער, א ריזן ארדער. און ער האט אוועקגעשטעלט א זמן ווען די ארדער דארף זיין גרייט, ווען




ער דארף עס באקומען. די קאמפעני האט זיך אונטערגענומען דאס צו טון.

איז געגאנגען די בעלי בתים און די אלע מענעדזשערס, זיי האבן צאמגענומען אלע ארבעטער'ס, און געזאגט פאר די ארבעטער, אז וועלכע ארבעט מען קען אוועקלייגן אין א זייט, זאל מען לייגן אין א זייט, מען זאל צולייגן שעות, צולייגן כוחות, אז מען זאל קענען ענדיגן דעם ארדער וואס יענער האט געארדערט, אין די ריכטיגע צייט. און יענער גייט באצאלן גרויסע געלטער, און עס גייט אריינברענגען פארן געשעפט גרויסע געלטער, און יעדער איינער וואס גייט זיך איבערשטרענגען גייט מען אים צולייגן צו זיין געהאלט, מען גייט אים געבן א באנעס (-הוספות), עס גייט זיך לוינען פאר יעדעם איינעם.

יעדער איינער האט אריינגעלייגט כוחות. עס זענען געווען וואס האבן איבערגעשלאפן אינעם פאבריק איבערנאכט, כדי מען זאל נישט פארפאסן פון די ארבעט. אנדערע האבן צוגעלייגט פרייע שעות, שבת האט מען געארבעט רחמנא ליצלן, זונטאג האט מען געארבעט.

דער איד וואס דערציילט די מעשה, האט געהאלטן דעמאלט אינמיטן די פראצעדור פון ווערן א בעל תשובה. איינע פון די זאכן וואס ער האט געארבעט אויף זיך איז געווען, צו דאווענען יעדן טאג שחרית מנחה מעריב און גיין צו א שיעור יעדן נאכט. ער האט נישט געקענט זיין איבערנאכט אין געשעפט, ווייל ער דארף גיין מנחה מעריב מיט א שיעור. ער איז געקומען אביסל שפעט צופרי [-דאס הייסט, נישט שפעטער ווי די נארמאלע סדר, אבער ער איז נישט געקומען פריער], ווייל ער דארף דאך גיין צו שחרית. ווען עס איז געקומען שבת איז ער בכלל נישט אריינגעקומען, וויאזוי קען ער ארבעטן ח"ו שבת קודש?! ער איז דאך א בעל תשובה!

דער בעל הבית רופט אים צי, און פרעגט אים, וואס גייט דא פאר? יעדער איינער שטעלט זיך צי, יעדער טוט, יעדער ווייסט אז מען דארף ענדיגן דעם ארדער אין צייט, און מען גייט פאר יעדעם צולייגן הוספות. פארוואס שטעלסטו זיך נישט צי?!

האט ער געזאגט: בעל הבית טייערע! דו ווייסט דאך, עס איז געשען א גרויסע שינוי אין מיין לעבן, ער ווערט א בעל תשובה, ער האט שיעורים, ער האט התחייבות'ן. עס קומט שבת קודש, מען קען נישט! און ער הייבט אן געבן א מוסר דרשה פאר דעם בעל הבית, און ער

זאגט אים: דו דארפסט אויך היטן שבת, און דו דארפסט אויך ווערן א בעל תשובה, און דו דארפסט אויך וויסן אז אלעס פירט דער באשעפער! און ער האט צוגעלייגט ווערטער: זאלסטו וויסן, פון ארבעטן שבת קען מען נאר שאדן האבן, קיין שום ריוח קען מען נישט האבן דערפון, עס איז נישט דא אזא זאך פון האבן ריוח פון ארבעטן שבת! די גאנצע געשעפט וואס דו רעדסט זיך איין דו גייסט יעצט ווערן א גרויסער מיליאנער פון דעם, זאלסטו וויסן, די געשעפט אליין קענסטו אויך דערלייגן, מחמת דעם וואס דו היטסט נישט שבת! אזוי האט ער געזאגט פאר דעם בעל הבית. פארשטייט זיך אז דער בעל הבית האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון דעם, אבער ער האט אים געלאזט גיין זיין וועג.

נאך דריי חדשים, ווען מען האט שוין געהאלטן זייער נאנט צו ענדיגן דעם גרויסן פראדאקציע, אז מען זאל עס קענען אפשיקן פאר דעם בעל הבית. פלוצים איין טאג הערט מען קולות, שרייען, פארפירן, איבערדרייען. מען האט צאמגערופן אלע ארבעטערס, און מען האט זיי מסביר געווען, אז דער בעל הבית פון די אנדערע געשעפט, וואס האט געארדערט די אלע גרויסע ארדערס אויף וואס מען ארבעט דא אזוי שווער. ער איז אינגאנצן צעדרייעט געווארן, זיין בני בית איז נפטר געווארן לחיי העולם הבא, ער איז געווארן איינגעשפארט פאר זיך, עס אינטערעסירט אים נישט קיין געלט, ער איז ממש אראפ פון זינען. ער איז גרייט צו באצאלן אלע שאדנס, און ער גייט באצאלן אלעס וואס ער האט דא אנגעמאכט, אלעס וואס מען האט געארבעט פאר אים. אבער די ארבעט דארף ווערן אפגעשטעלט, ער דארף נישט די גאנצע ארבעט.

דער בעל הבית פון דעם געשעפט דא, איז פארשטייט זיך, געווארן אינגאנצן צאמגעקלאפט. דער בעל תשובה גייט ארויס יענעם טאג פון די ארבעט, לויפט אים נאך דער בעל הבית, און דער בעל הבית זאגט אים: יא יא, וואס האסטו נאר געזאגט א פאר חדשים צוריק?! אוי ווי געערעכט דו ביסט, אוי ווי גערעכט דו ביסט! די שבת האט זיך אנגענומען! פון ארבעטן שבת, פון מחלל שבת זיין, קען מען קיין פארדינסט נישט האבן!

פון יענעם טאג און ווייטער איז דער בעל הבית אויך געווארן א בעל תשובה, און ער האט אויפגעשריבן ריזיגע צעטלעך און אויסגערופן פאר אלע ארבעטערס: פון היינט און ווייטער גייט מען נישט ארבעטן שבת! ער האט עס אנערקענט.

פון די מעשה דארפן מיר זיך ארויסלערנען:

זייער אסאך מאל מאכט זיך, אז א מענטש צאפט יענעמס בלוט, ער איז נישט מקפיד אויף שקר, נישט מקפיד אויף גניבה, נישט מקפיד אויף אונאה, אויף פעלשן אין די געשעפטן, נישט מקפיד אויף בין אדם לחבירו, נישט מוותר פאר קיין צווייטער גארנישט, אזוי פירט ער אסאך מאל געשעפטן, צו עס איז געשעפטן אין שטוב, צי אין די פרנסה, צי עס איז אין מוסדות, זאל זיין וואו עס זאל זיין - א איד דארף גלייבן באמונה פשוטה, שוועריגקייטן וואס עס קומט אן צו א מענטש דורך דעם וואס ער איז א שומר תורה ומצוות, דורך דעם

וואס ער וויל מחשיב זיין אידישע קינדער, ער וויל זיין אויסגעהאלטן בין אדם לחבירו, בין אדם למקום, ער וויל היטן די תורה מיט אלע הידורים, זאל ער וויסן, אז אסאך מאל איז דא יסורים, עס זעט אויס ווי מען דערלייגט, עס זעט אויס ווי עס גייט אים שווער, עס זעט אויס ווי מען האט בזיונות, עס זעט אויס ווי מען האט געלט שאדן, עס זעט אויס ווי זאכן גייען קאפויע ח"ו, מיר דארפן גלייבן אז דער בורא כל עולמים שיקט די שוועריגקייטן, וואס איז די רצון השם מיט דעם? די רצון השם מיט דעם איז, מיר זאלן נאנטער ווערן צום הייליגן באשעפער.

די זעלבע זאך איז מיט חינוך, זייער אסאך מאל פלאגט זיך א איד אויף פרנסה, ער פלאגט זיך אויף די חינוך פון די קינדער, מען פלאגט זיך מיט די אידישקייט פון די קינדער, מען פלאגט זיך אין שטוב, עס איז דא אזויפיל פלאג וואס מענטשן פלאגן זיך, און א מענטש טראכט נישט אריין אז די אלע פלאגענישן דאס איז א חלק פון די יסורים וואס דער הייליגער באשעפער האט געשיקט, און דער אויבעשטער וויל זאלסט נאנטער ווערן צום אויבערשטן, זאלסט אריינברענגען מער תורה עבודה ויראת שמים, מער שמחה, מער תשובה טון, פארשטייט זיך נישט אויף א וועג פון עצבות און מרה שחורה, תשובה טון מיינט, מאך זיכער אז יעדע זאך וואס דו טוסט איז ריכטיג, יעדע ווארט וואס דו זאגסט ארויס איז ריכטיג, דאס איז די רצון השם.

## א יעדער איד איז א משפיע וואס

## טראכט נאר פון א צווייטן

משה רבינו האט געזאגט פארן הייליגן באשעפער, אז אזויווי ער גייט אוועק פון די וועלט, ער גייט נישט אריינטראגן די אידן אויף ארץ ישראל, בעט ער פונעם הייליגן באשעפער, ער זאל שטעלן א צווייטער מנהיג פאר אידישע קינדער, און ער האט געזאגט: 'ולא תהיה עדת ה'', און די כלל ישראל זאל נישט זיין, 'כצאן אשר אין להם רועה', אזויווי שעף וואס זיי האבן נישט קיין פאסטוך.

זאגט דער 'כתב סופר', וואס איז די חילוק, צווישן א פאסטוך פאר שעף און א מנהיג ישראל? א פאסטוך האט בכלל נישט אינזין די טובה פון די שעף, ער וויל סך הכל אז די שעפעלעך זאלן ווערן גוט אנגעפאשעט, זאלן זיין געזונט, נישט ווייל ער זארגט זיך פאר די שעפעלעך, ער זארגט זיך פאר זיין פרנסה, ער וויל מאכן אסאך געלט אויף יעדע שאף, עס זאל זיין געזונט און גוט אנגעשטאפט, האבן גוטע וואל, און פון דעם קען ער מאכן אסאך געלט, ער טראכט פון זיך, גארנישט פון די שעפעלעך.

א מנהיג ישראל דארף זיין ממש פארקערט, א גאנצע טאג טראכטן נאר די טובה פון כלל ישראל. וואו זעט מען די נפקא מינה? אויב עס קומט א מצב פון א סכנה, וואס וועט דער פאסטוך טון מיט די שעפעלעך? ער וועט זיי אלע איבערלאזן און אנטלויפן, ער גייט נישט זארגן אויף די שעפעלעך, ער גייט זארגן אויף זיך, אז ער זאל נישט זיין אין קיין סכנה. א מנהיג ישראל דארף זיין איינער, וואס גיבט זיך אוועק פארן כלל ישראל, ער לאזט זיי נישט איבער בשעת א סכנה, ער וועט ענדערש זיך אריינלייגן אין א




סכנה ווי אריינלייגן כלל ישראל אין א סכנה. דאס האט משה רבינו געבעטן. 'ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה', דער באשעפער זאל נישט אוועקשטעלן פאר אידישע קינדער אזא מנהיג ישראל וואס ער לאזט איבער די שאף, ער טראכט פון זיך און נישט פון די שעפעלעך.

יעדער איד האט קינדער, און יעדער איד האט תלמידים און שכנים - יעדער איז א משפיע. טראכט אריין, מענטשן טרעפן זיך איינער מיט די צווייטער און מען זאגט א ווארט, דו קענסט זיין א משפיע און דו קענסט זיין א מנהיג פאר אידן און זיי זאגן איבער אמונה שמחה און שלום, דו ביסט א מנהיג, דו ווייזט פאר אידן אז דו זארגסט פאר זיי, עס אינטערעסירט דיר זייער לעבן. אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.


## קול פנים מאירות

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500




## נייע פרישע שיעורים ארויף אויפן סיסטעם – שיעורים ימי בין המצרים:

- **דריטע שמועס אויף טראומא**
- **חיזוק שמועס פאר קינדער פון צעטיילטע שטובער**
- **אלע שמועסן בענין ימי בין המצרים, וועט איר טרעפן אויף קנעפל '524' - צווישן די שמועסן:**
- **בין איך אויך מיצר אויפן חורבן? וויאזוי?!**
- **שיעורי כללי אויף ימי בין המצרים**

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:

gilyonospm@gmail.com

## אור לנתיבתי

# תיקון חצות בזמנינו

**איינער האט אנגעפרעגט, פארוואס מען זעט אז ביי די חסידים איז מען נישט מקפיד, און אפשר אפילו, מען פירט זיך נישט, צו זאגן תיקון חצות, נישט א גאנץ יאר, און כמעט, נישט אין די דריי וואכן. ווען איז די מנהג בטל געווארן? לויט ווי מען ווייסט, ווערט עס געברענגט אין הלכה, דער אריה"ק איז זייער מחמיר אין דעם, און מען ווייסט מעשיות פון תלמידי בעל שם, תלמידי חתם סופר, וואס האבן זייער מקפיד געווען צו זאגן תיקון חצות, מען האט אריינגעלייגט אין דעם א גרויסע עבודה, און עס ווערט געברענגט גרויסע כוונות בנגלה ובנסתר. ווען האט זיך דאס אפגעשטעלט?**

די תשובה אויף דעם איז: דער מהרש"ב פון ליובאוויטש זי"ע, האט שוין געזאגט, אז תיקון חצות איז געמאכט געווארן פאר גרויסע חסידים. נאך מער פון דעם, עס ווערט געברענגט אז דער רש"ב האט געזאגט, אז אין אנפאנג, ווען מען האט מתקן געווען תיקון חצות, פלעגט מען עס זאגן ברבים, שפעטער האט מען עס געזאגט נאר ביחידות. ער ברענגט נאך, דער צמח צדק זי"ע האט געזאגט: מען דארף זיך אויסוויינען ביחידות, און ארויסגיין צום עולם מיט א טענצל... עכ"פ, זעט מען, אז צוביסלעך האט עס אנגעפאנגן אראפגיין.

יעצט, מען ברענגט נאך פון ספר תפארת חיים, וואס ער ברענגט בשם הרה"ק רבי חיים מאיר פון מאגלניצא זצוק"ל, אז איינער האט אים שוין

געפרעגט דעמאלסט אין זיינע צייטן, פארוואס די חסידים וואס זענען חרדים לדבר ה', פסח ביי די נאכט נאך מעריב זאגט מען הלל בשמחה רבה, אזויווי דער בית יוסף און דער אריז"ל שרייבן, און מען איז עס מקיים מיט געוואלדיגע שמחה און התלהבות, און ווען עס קומט צו דער ענין פון תיקון חצות, וואס דאס האט אויך גע'פסק'נט דער בית יוסף און דער אריז"ל, אז מען זאל עס זאגן מיט אן ערנסקייט און א צעבראכנקייט, און די חסידים זענען אין דעם נישט נזהר?

האט ער געענטפערט: ווען מען זעט א מענטש מאכט חתונה, און ער איז מורא'דיג בשמחה, איז די סדר פון די וועלט, אז בשעת א מענטש איז בשמחה ווייל ער מאכט א שמחה, איז אפילו מענטשן וואס האבן אויף אים א געוויסע שווער הארץ, אדער זיי האבן א געוויסע צער, און זיי האבן אים נישט אזוי ליב, אבער בשעת די שמחה איז יעדער מוותר, און מען האלט מיט יענעמס שמחה, און מען האט אים ליב, און מען ווערט נאנט צו א מענטש. אזוי איז די טבע. משאי"כ ווען א מענטש זיצט אין אבילות, אבילות יעדער מענטש אין די וועלט וואס איז נישט נאנט מיטן מענטש, וועט אפילו נישט קומען מנחם אבל זיין, און זיך אפילו נישט קומען משתתף זיין בצערו, נאר גאר נאנטע, וואס זיי שפירן באמת זיין צער, און זיי האבן באמת אן אהבה צו אים, די וועלן קומען מנחם אבל זיין און זיך משתתף זיין בצערו.

אזוי אויך איז כביכול ביים הייליגן באשעפער, אמאליגע צייטן, איז געווען תיקון חצות פשט, אז די אידן האט עס וויי געטון באמת, מיט אן אינערליכע צער, און ממילא האבן זיי זיך געקענט משתתף זיין בצערו של הקב"ה, און געזאגט תיקון חצות. אבער צו זאגן תיקון חצות סתם ווערטער אן באמת באמת, עס זאל אים וויי טון די חורבן בית המקדש,

אן דעם עס זאל אים ווייטון די צער השכינה, אויף דעם דארף מען נישט זאגן תיקון חצות.

ער ברענגט דארט נאך א משל, עס איז געווען א מלך, וואס איז געווען אין א גרויסער אבילות ווייל זיין זון איז געשטארבן, דער מלך איז געווען אין א געפערליכער טרויער אין א געפערליכע צער. זיינע מקורבים זענען אויך געווען אין א געפערליכע צער אין א געפערליכע אבילות, ווייל זיי זענען געווען אזוי נאנט צום מלך, און אזוי ליב געהאט דעם מלך, און אזוי מחשיב געווען דעם מלך, אז דעם קעניגס צער איז געווען אזויווי זייער אייגענער צער. איז געווען אבער איינער פון די נאנטע פון קעניג, וואס אים האט עס עפעס נישט געכאפט, פארשטייט זיך, אז ער האט געמאכט פונדרויסן ווי ער איז בצער, אבער מען האט געקענט זען אז עס איז נישט אינערלעך. האט זיך דער קעניג זייער אויסגעבייזערט אויף אים, און אים געזאגט: נישט גענוג וואס דו ביסט זיך נישט מצער מיט מיין צער, מאכסטו נאך חוזק פון מיר? ביסט זיך נישט מצער? פיין! עס האט דיר נישט געכאפט, קומסטו מאכן א פאלטשע צורה?

אזוי אויכעט, דער הייליגער באשעפער. ווען מען זאגט תיקון חצות און מען איז זיך נישט מצטער באמת אויפן חורבן בית המקדש, ברענגט עס פארקערט פון די אופטו פון תיקון חצות. די אופטון פון תיקון חצות איז, אז דער הייליגער באשעפער זאל זען אז זיינע קינדער דא אין די גלות זענען ממש משתתף בצערו, באמת מיטן גאנצן הארץ, אבער סתם זאגן די ווערטער, ח"ו זאגט דער אייבערשטער, נישט גענוג ביסט זיך נישט גענוג מצטער, קומסטו נאך מאכן אזעלכע ווערטער, כאילו דו שטעלסט זיך אוועק ווי עפעס באדערט דיר, ווען עס הייבט זיך נישט אן?

ממילא, וויבאלד מיר זענען נישט ראוי צו זאגן די תיקון חצות, אויף די וועג וויאזוי מען דארף, האט מען אפגעשטעלט עס צו זאגן. פארשטייט זיך אז יעדער איינער וואס עס טוט אים באמת וויי די צער השכינה, עס רייסט ביי אים, און עס טוט אים באמת וויי די גלות, אוודאי מעג ער זאגן די תיקון חצות פאר זיך אליין. דאס וואס די תלמידי חתם סופר האבן געזאגט אין די דריי וואכן אין בית מדרש ברבים תיקון חצות, דאס איז זייער מנהג. אבער מען רעדט יעצט פון די מנהג פון חסידים, אז מען האט נישט געזאגט.

גראדע, דער זיידע ז"ל, הגה"ק בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק"ל, יארן צוריק, פלעגט זאגן תיקון חצות, ליל שישי מיט די בחורים, ער האט עס צום סוף אפגעשטעלט, נאכדעם האט ער געזאגט אין די דריי וואכן, ער האט עס אויך אפגעשטעלט, ער פלעגט זאגן נאר תשעה באב ביינאכט, און דאס האט מען אויך אין די עלטערע יארן אפגעשטעלט. פאר זיך אליין, פלעגט ער יא עוסק זיין אין תיקון חצות, נישט יעדע נאכט, אין געוויסע זמנים. זע מיר פון דעם, פשטות, אז דאס איז די זעלבע פשט, ער האט געזען אז די דור וויינט נישט, און עס טוט נישט וויי, און עס רייסט נישט דאס הארץ, האט ער מרגיש געווען אז עס איז נישט דא די ענין פון תיקון חצות, האט ער דאס אפגעשטעלט.

עס ווערט געברענגט אין ספר זכור לאברהם (מנהגי הרה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל) אז דער תולדות אהרן רבי זצוק"ל האט אמאל געהאט א שמועס אין די ענין פון תיקון חצות, האט ער געזאגט: פארצייטנס, פלעגט מען אויפשטיין חצות, און עס איז געווען אפילו פשוטע מענטשן וואס פלעגן אויפשטיין חצות, און זאגן תיקון חצות, אבער בבכיות עצומות, מיט טרערן, וואס האט געשפאלטן הימלן. אפילו די עמי הארצים, און כל שכן די חשובע אידן, האבן געזאגט תיקון חצות, מיט געוואלדיגע הרגישים. און וועגן דעם האט מען טאקע אמאליגע צייטן געדרוקט די ספר שערי ציון, אז יעדער זאל האבן די תיקון חצות מיט די אלע תפילות. זאגט ער: היינטיגע צייטן, ווערט דרוקט דעם שערי ציון? ווער האט אינדערהיים די שערי ציון? פארוואס טאקע? האט ער גענטפערט: ווייל אמאליגע צייטן ווען מען איז אויפגעשטאנען חצות, האט זיך דער הארץ

צעגאסן, מען האט זיך דערמאנט פון די ביטערע גלות, פון די צער השכינה, פון די צער פון כלל ישראל, און מען האט אזוי געבענקט, און די הארץ איז געווען באמת צוזאמגעבראכן און צאמגעקלאפט אויף די גאולה. אבער היינט בעווה"ר, פון די גרויסע טירדות הגלות, פון די גרויסע עול הגלות, די הארץ איז פארשטאפט, מען שפירט נישט קיין אמת'ע צער, און אפילו ווען מען זאגט שוין תיקון חצות, איז עס פארשלאפן, מהשפה ולחוץ, אזא דרויסענדיגע זאגן, איינער וואס האט נישט די ריכטיגע הרגש און א חשק און עכט די ריכטיגע וועג וויאזוי צו זאגן תיקון חצות, אזעלכע מענטשן דארפן נישט זאגן תיקון חצות.

דאס איז דער מקור פארוואס ביי חסידים זאגט מען נישט תיקון חצות. ווייל ביי אונז איז געווען אנגענומען, אז מען דארף זאגן, נישט סתם ווי מען זאגט ווערטער, עס דארף זיין בפנימיות הלב, און מען דארף זיך אריינטון דערין. אוודאי יעדער איד וואס האט די הרגישים און ער קען זיך צוברענגען צו די הרגישים, זאל ער טאקע זאגן תיקון חצות, אבער ווער עס קען נישט, זאל ענדערש לערנען און דאווענען, זאגן תהלים, און זיין אויסגערוהט, כדי מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן לויט די כוחות און לויט די מוחות, וואס אונז האב מיר.

די אדמור"י חב"ד פלעגן זאגן: היינטיגע צייטן, אז מען קען נישט זיך ברענגען צו נאנטקייט צום אייבערשטן דורך תיקון חצות, קען מען זיך ברענגען אין די נאנטקייט צום אייבערשטן, דורך לערנען ספרי חסידות, וואס וועקן אויף און ווארעמען אן די הארץ. ווייל די פעולה טוט די זעלבע, די עיקר פון תיקון חצות איז, אויפוועקן די הארץ, די זעלבע זאך, אז די הארץ ווערט נישט אויפגעוועקט פון זאגן תיקון חצות, זאל עס כאטש אויפגעוועקט ווערן פון לערנען חסידישע ספרים, מוסר ספרים, וואס וועקן אויף די הארץ, און ברענגען צו התקרבות להקב"ה. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אונז זאל מיר שוין זוכה זיין צו די יום שכולו טוב.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**